גליון יט
פרשת ויקהל-פקודי תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### שמן און קטורת

### שמן און קטורת ווי א חלק פונעם בנין

אין פרשת פקודי (שמות לט לח) איז אויסגערעכנט די שמן המשחה און די קטורת צווישען אלע אנדערע זאכן וואס מ'האט געמאכט פאר די משכן, און אזוי זעהט מען אסאך מאל אין די אלע פרשיות. די לומדים בויען פון דעם א יסוד אז די שמן המשחה און די קטורת באלאנגען נישט צו די קרבנות אפטיילונג, זיי באלאנגען עטוואס צו די עצם בנין המשכן, מיט די שמן המשחה האט מען גומר געווען און מחנך געווען דעם בנין המשכן, און אזוי אויך די 'קטורת' איז עטוואס א חלק פונעם בנין המשכן, צו מאכן א גוטע ריח אינעם בנין המשכן, ממילא ווערט ער אויסגערעכנט צווישן די זאכן וואס מ'האט גענוצט לצורך דעם בנין המשכן. [יסוד הדבר בראשונים כמבואר בדעת זקנים פרשת תרומה כה ו (וז"ל "תימה שכל הפרשה דפרשת תרומה בצרכי בנין חוץ מפסוק זה שהוא צורך שלחן גבוה, ואינו אומר חטים ללחם הפנים וכבשים לתמידין ועצים למערכה. וי"ל ששלשתן צורך בנין הן, שמן המשחה שבו נמשחו ונתקדשו כל כלי המשכן, וקטרת נמי שכן דרך מלכים שמבשמין להם הבית קודם שיכנסו לתוכה, וכ"ש לפני ממ"ה הקב"ה, וכן מצינו שעל ידי הקטרת שכינה נראית דכתיב וכסה ענן הקטרת וכתיב כי בענן אראה... מתבאר דענין הקטורת היה משום כבוד מקום בית המקדש, ועל כן נמי הוא מוזכר בענין בנין המשכן כיון שהוא לצורכו של בנין המשכן עצמו, שהוא כעין ארמון המלך, וכך היה דרכם של המלכים לבשם בריח טוב את ארמונותיהם") ובתוספות הרא"ש].

שטייט אין מסכת זבחים (דף מ"ו ע"ב) "לשם ששה דברים הזבח נזבח, לשם זבח לשם זובח לשם השם לשם אשים לשם ריח לשם ניחוח". זעהט מען אז ביי קרבנות האט מען אינזינען לשם א גוטע ריח, אבער ס'איז דא א גרויסע חילוק צווישען די 'ריח ניחוח' פון די קרבנות, און די 'ריח ניחוח' פון די קטורת, די 'ריח ניחוח' פון די קרבנות האט א שייכות צו די ענין פון ריח, וואס גייט מיט צום אכילה, אבער די 'ריח ניחוח' פון די 'קטורת' איז א גוטע ריח אינעם בנין המשכן גופא, ממילא ווערט ער אויסגערעכנט צווישען די זאכן וואס זענען א חלק פונעם בנין. (עי' חזו"א זבחים סי' כ"א סק"ג אז ביי קרבנות איז די ריח ניחוח נאר א טפל, און ווי געשמיסט איז די 'ריח' ביי די קטורת א חלק פונעם עצם הבנין, משא"כ די ריח ניחוח פון די קרבנות איז א סארט ריח ניחוח מעין די ענין פון 'אכילה' ס'געט צו צו די ענין פון אכילה. ועי"ע חידושי ר' אריה לייב ח"א סימן נט. אויך בשם די גרי"ז זאגט מען נאך א חילוק צווישען די קטורת און אנדערע קרבנות, אז די קרבנות זענען מכפרים, און קטורת איז נישט בגדר מכפר, און ווען א יחיד איז מנדב קטורת פארן ציבור, איז עס נישט בגדר מכפר נאר בגדר הקדשה).

און מיט דעם קען מען פארשטיין אביסל די סדר פון די פרשיות, אין פרשת תרומה איז די תורה מבאר אלע זאכן וואס זענען ממש א חלק פון די משכן גופא,

**די שמן המשחה און די קטורת באלאנגען נישט צו די קרבנות אפטיילונג, זיי באלאנגען עטוואס צו די עצם בנין המשכן, מיט די שמן המשחה האט מען גומר געווען און מחנך געווען דעם בנין המשכן, און אזוי אויך די 'קטורת' איז עטוואס א חלק פונעם בנין המשכן, צו מאכן א גוטע ריח אינעם בנין המשכן**

נאכדעם אין פרשת תצוה איז די זאכן וואס האבן נאר אביסל א שייכות, זאכן וואס זענען נישט ממש די משכן גופא, נאר זיי זענען משלים די צורה פונעם משכן. מ'פאנגט אהן פרשת תצוה מיט די אויל פאר די מנורה, וואס דאס איז צו באלייכטן די משכן, ס'איז משלים צו זיין די שלמות הצורה פונעם משכן, ס'איז נישט פונעם בנין גופא, און אויך נישט פון די קרבנות אפטיילונג, נאר פון די השלמות אויפן משכן. דערנאך איז מען ממשיך מיט די קליידער פאר די כהנים, וואס ווי די לומדים זענען מסביר איז דאס אויך עטוואס א חלק אינעם שלמות הצורה פונעם משכן (ס'איז נישט פונעם משכן גופא, און אויך נישט פון די קרבנות אפטיילונג, נאר משלים צו זיין די שלמות הצורה פונעם משכן, די כהנים זענען ווי א ההשלמה פארן צורת המשכן, און אין דעם איז נכלל זייערע קליידער).

און נאך דעם קומט די אנדערע ענינים אין פרשת תצוה, וואס קומט אויך משלים צו זיין די שלמות הצורה פונעם משכן, ווי די גאנצע סדר פון די מילואים וואס איז גומר דעם משכן, און דערנאך סוף הפרשה די מזבח הקטורת, וואס די משמעות הפסוקים דארטן איז, אז מיט דעם ווערט די משכן נגמר, די משכן ווערט גרייט פאר השראת השכינה דורעך די קטורת, ווייל די פסוקים פון די מלואים ענדיגען זיך 'ונועדתי שמה לבני ישראל ונקדש בכבודי וגו' ושכנתי בתוך בני ישראל וגו', און גלייך נאכדעם זאגט ער די פרשה פון די קטורת, כאילו ווי געזאגט, אז די מזבח הפנימי מיט די קטורת, דאס איז גומר די זאך, צו ברענגען השראת השכינה, דורכען משלים זיין דעם בנין המשכן מיט א גוטע ריח.

און דערנאך אין פרשת כי תשא, אנפאנג פרשה, שטייט ווי אזוי מ'זאל מאכן די שמן המשחה און די קטורת הסמים, וואס ווי געשמוסט זענען זיי ביידע אביסל בתור השלמה צום צורת המשכן, מיט זיי איז מען ווי גומר די משכן. און שפעטער קומט ויקהל פקודי, ווי מ'האט אלעס טאקע געמאכט למעשה (עי' בדעת זקנים הנ"ל פרשת תרומה כה ו, שמבאר כל היסוד הזה כלפי השמן למנורה, וכלפי הקטורת).

ס'איז דא א איסור אז מ'טאר נישט נאך מאכן די זאכן פונעם בית המקדש, די מנורה תבנית מנורה, היכל תבנית היכל וכו', ווייל ס'שטייט 'לא תעשון אתי'. אויך די שמן המשחה און די קטורת האבן א איסור אז מ'טאר זיי נישט נאך מאכן, ווי די פסוק זאגט 'ובמתכונתה לא תעשו כמוהו', און ס'קען זיין אז דאס איז ווייל זיי זענען אויך א חלק פונעם בנין המקדש והמשכן, און נישט פון די קרבנות אפטיילונג. (באמת ביי די קרבנות איז אויך דא א איסור פון מקריב זיין בבמה, וואס דאס איז אויך א משהו ענדליך צו די איסור פון נאך מאכן דעם בית המקדש, אבער דארט איז דאס נישט בתור נאכמאכן, נאר איינמאל ס'איז דא ירושלים טארסטו נישט מער מאכן פאר דיר, ס'איז נישט אזוי די נאכמאכן, והבן)

### שמן און קטורת גייען צוזאמען

אין פרשת ויקהל (שמות לז כה) שטייט

## • ערנסט אדער אויפגלעבט

לאמיר אנפאנגען מיט א שאלה! וואס איז בעסער אין עבודת השם, ערנסט, אדער פריילעך און אויפגעראמט. לדוגמא א בחור א עובד ה', זאל זיין פריילעך און אויפגעלעבט, אדער ערנסט און אדורעך געטראכט?

פון איין זייט איז לכאורה אסאך בעסער צו זיין אויפגעלעבט און פריילעך, ווייל נאר אזוי קען מען לערנען פאר לאנגע שעות און נישט ווערן אויסגעמוטשט, מ'קען לערנען לאנגע שעות אין די נאכט אריין, אלעס טוט זיך לייכט און גרינג מיט חשק און מאורוועישן, ס'שטייט זיך אויף צופרי גרינג, מ'איז לעבעדיג און אויפגראמט, פיל מיט גאזאלין פארן לעבן.

אבער פון די אנדערע זייט, איז גאר וויכטיג צו זיין ערנסט, ווייל איינער וואס איז ערנסט איז מער 'פאוקוסט' צו וואס ער טוט, ער קוקט נישט ארום און ארום, ער לאזט זיך נישט אוועק שלעפן, ער ווערט נישט אוועק געשלעפט אין גשמיות. מה שאין כן א מענטש וואס איז לייכט, זיין עבודת השם גייט צו לייכט, אלעס איז ביי אים לייכט, דאן ווערט ער לייכט אוועק געשלעפט.

## • אין ביזנעס

באמת איז דאס א כללות'דיגע שאלה ביי אלעס, למשל אין ביזנעס, איז בעסער צו זיין ערנסט, ווי די וועלט זאגט 'א ערנסטע ביזנעסמאן', מסודר'דיג אין אלעס, ערנסט מיט זיין קביעות עתים, ערנסט מיט זיינע שעות אין ביזנעס וכו'. אדער איז בעסער צו זיין פריילעך און אויפגעראמט, לאזען זאכן לויפן אביסל, נישט זיין אזוי ערנסט און באזארגט אויף יעדער זאך, נישט מאכן אזוי פיל חשבונות אין יעדער ענין וכדומה.

פון איין זייט זעהט מען גרויסע מיליאנערן וואס זענען זייער 'סיריעס מענשטן', ערנסט און ביזנעס, ערנסט אין יעדע זאך, און ס'קוקט אויס ווי זייער ערנסקייט ברענגט זיי צו זייער הצלחה, די ערנסקייט ברענגט זיי די מיליאנען. אבער פון אנדערע זייט איז דא בעלי בתי'שע יידן וואס זענען זייער אויפגלעבט, און זענען אויך זייער מצליח אין ביזנעס.

איז באמת אין פרנסה איז נישט שייך צו זאגען א כלל, ס'איז דא אלע סארטן פרנסה, צומאל פאדערט זיך מער א ערנסטקייט, צומאל פאדערט זיך מער א לייכטקייט, אבער בכללות איז מסתם די בעסטע אז מ'האט אביסל פון ביידע, פון איין זייט איז מען ערנסט, מסודר, און 'פאוקיסט', און פון די אנדערע זייט לייגט מען צו אביסל לייכטקייט ברייטקייט און אפענקייט.

## • שמחה ווי א תבלין

צוריק צו עבודת ה' און לימוד התורה, ביי תורה און עבודה דארף בעיקר זיין ערנסקייט, תורה עבודה זענען ערנסטע זאכן, דעם אייבירשטענס תורה און עבודה, און בפרט כדי זיך אפצורייסן פון הבלי עולם הזה, מוז מען האבן ערנסטקייט. אבער מיט דעם אלעם, איז צומאל א טובה אביסל לייכטקייט פון דער זייט, אביסל א גלייך ווארט, א ווערטל, א אינטערסאנטע טאפיק אין תורה, זעהן די תורה און עבודה אויך פון א לייכטע געשמאקע ווינקל.

און אזוי האט מען געזען ביי רבינו הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, אז בעיקר איז ער געווען ערנסט, שטארק 'פאוקעסט' אין יעדע זאך, אבער פון די אנדערע זייט האט ער אלץ אריינגעווארפן א געשמאק, צומאל געזאגט א גלייך ווערטל, געלעבט מיט חידות און אין אינטערעסאנטע ענינים אין די תורה, במיוחד זיינע חידות מיט די תינוקות של בית רבן. וואס דאס לערנט אונז ווי מ'קען לעבן אין תורה, מיט א ערנסטקייט און מיט א געשמאק, ביידע אין איינעם.

א גאנץ יאר איז מען מער ערנסט, מען נעמט עבודת ה' מיט די פילסטע ערנסקייט, און דער וואס זענען עוסק אין 'יגיעת כפים' טוען אין פרנסה מיט א ערנסקייט, אבער פורים גייט עס מער מיט א לייכטקייט, נישט חס ושלום 'קלות ראש' נאר לייכט און אויפגעראמט, שמחה של מצוה, וואס דאס געט נאר צו צו עבודת ה'

די עצם עבודת ה' איז ערנסט, אבער פון ארום ארום קען מען צולייגן אביסל תבלין, פריילכקייט און א לעבעדיגקייט, כדי צו צוגעבן צום אפעטיט. בעיקר איז מען 'פאוקיסט', מ'לערנט מיט א ערנסטקייט, און אלעס וואס מען טוט איז מיט א ערנסקייט, אבער פון די אנדערע זייט איז א גוטע 'פלאס' אז מ'איז אביסל אויפגעלעבט, אביסל אויפגעראמט.

## • שכרות אין פורים

יעצט איז געווען יום טוב פורים. א גאנץ יאר איז מען מער ערנסט, מען נעמט עבודת ה' מיט די פילסטע ערנסקייט, און דער וואס זענען עוסק אין 'יגיעת כפים' טוען אין פרנסה מיט א ערנסקייט, אבער פורים גייט עס מער מיט א לייכטקייט, נישט חס ושלום 'קלות ראש' נאר לייכט און אויפגעראמט, שמחה של מצוה, וואס דאס געט נאר צו צו עבודת ה'.

און דאס איז די מצוה פון טרינקן וויין אין פורים, אריינצוגיין אביסל אין א לייכטקייט. לפי די וואס שיכור'ן ממש (שיטת המחבר בשו"ע אורח חיים סימן תרצ"ה), גייט מען ממש אריין אין א אנדערע דרגא ווי א גאנץ יאר, נאר אפילו לויט די שיטת הרמ"א, דארף מען על כל פנים טרינקן אביסלע, כדי צו ווערן אביסל לייכט, כדי צו ווערן אביסלע אויפגעראמט. און דאס נעמט מען מיט אויף א גאנץ יאר, א מתנה פון אויפגעראמטקייט, וואס דאס געט נאר צו פאר עבודת ה'.

### מילתא דבדיחותא

די גמרא זאגט (שבת ל ע"ב) אז פארן לערנען זאל מען מאכן א מילתא דבדיחותא, און נאך דעם זאל מען זיך זעצען לערנען באימה. די טבע פון לערנען איז ערנסטקייט, ביים לערנען דארף מען זיצען שעות און מברר זיין די אמת פון יעדע זאך, ס'איז שווער פאר א מענטש אריינצוגיין אין די לערנען וועלט, וועגן דעם דארף מען אנפאנגען מיט א מילתא דבדיחותא, מיט א זאך וואס די הארץ עפענט זיך צו דעם לייכט, און אויטאמאטיש איינמאל די הארץ איז שוין אפען, קען מען זיך שוין עפענען אויך צו שווערע זאכן.

די וועלט פארציילט אויף די הייליגע רבינו תם אז ער האט געוואלט דורעך טוהן א שווערע סוגיא, האט ער געלייגט פאר זיך א האפען גאלדענע רענדלעך, און איינמאל די הארץ איז געווען אפען צו די געלט, איז ער שוין אויטאמאטיש אויך געווען אפען צו די שווערע סוגיא. וואס בעומק איז דאס די זעלבע געדאנק ווי א מילתא דבדיחותא, אז איינמאל ס'איז אפען דורעך די מילתא דבדיחותא, איז עס שוין אפען פאר שווערע סוגיות.

### שליסלעך צו עפענען די הארץ

א יוד זיך אמאל געבייזערט אויף דעם וואס די עולם נעמט זיך מיט די 'קאווע' צום לערנען, פארוואס מישט מען צוזאם די צוויי זאכן, טרינק אויס די קאווע אין קאווע שטוב, און דערנאך קום אריין און זעץ זיך לערנען ווי א מענטש, וואס איז די ענין צו ברענגען די קאווע צו די בלאט גמרא. האט מען אים מסביר געווען אז די קאווע איז ווי א שליסל פאר די גמרא, פאר די קאווע האסטו דאך א פתיחת הלב, דארפסט נישט שווער ארבעטען אז די הארץ זאל זיין אפען צום קאווע, ממילא ברענגט מען עס צום לערנען, אז דאס זאל שוין זיין די שליסעל אויך פארן לערנען, איינמאל די הארץ איז אפען צום קאווע, וועט ער שוין אויטאמאטיש אויך זיין אפען צום לערנען.

ענדליך צו דעם זעט מען ביי געוויסע מענטשן מיט די 'סעלפאון', מ'קומט אריין צום לערנען און מ'לייגט אראפ דעם סעל פאון אויפן טיש, און ס'איז א פלא וואס האט די 'סעלפאון' מיט'ן לערנען, וואס קענסטו עס נישט לאזען אין טאש. נאר בדרך לימוד זכות איז דא געוויסע, וואס נאר דאס גיט זיי די כח צום לערנען, היות צו די סעל פאון האט ער א פתיחת הלב, מ'איז דאך מקושר צו דעם פאר פיר און צוואנציג שעה, איז אויטאמאטיש אז די לייגסט אים ארויס ביים לערנען, עפענט ער דאס הארץ אויך צום לערנען.

(און במאמר המוסגר, דאס איז די סיבה בכלל פארוואס מענטשן האלטן די סעלפון אין הענט א גאנצע טאג, מ'דרייט עס און מ'שפילט זיך מיט דעם, ווייל דאס איז ווי א שליסל פארן הארץ, אז מ'איז שוין אפען צום 'סעלפון', איז מען שוין אפען אויך צו אנדערע זאכן, צו שמועסן מיט יענעם און יענעם וכדומה. די זעלבע זעהט מען אמאל א הצלה מעמבער וואס לייגט ארויס זיין רעדיאו, אפילו ער פלאנט נישט יעצט אהנצונעמען קיין קאולס, נאר דאס איז פשוט פאר דעם איינעם סיבה פון פתיחת הלב).

פארשטייט זיך אז ס'איז פיל בעסער אז מ'זאל וועלן האבן פתיחת הלב אהן דעם, און בפרט נאכדעם וואס מ'איז שוין אריינגעשווימען אין די גמרא, וואלט מען עס שוין זיכער געמעגט אוועק פאקן, ווי די חז"ל זאגען ביי 'מילתא דבדיחותא' אז נאכדעם האט מען אוועק געפאקט די מילתא דבדיחותא, מ'האט זיך געזעצט לערנען באימה ויראה, אבער אזוי זאך זעהט מען פון די אלע משלים ווי וויכטיג ס'איז פאר א מענטש צו האבן א גוטע שליסל, עפעס וואס עפענט אים די הארץ, שליסלעך וואס זאלען אים עפענען די הארץ צו תורה, יעדער לפי דרגתו מיט זיינע שליסלעך.

### א גוטע קאפ

א מענטש מעסט ביי זיך כסדר צו ער האט א גוטע קאפ אדער א שוואכע קאפ, בפרט בחורים, וואס זענען געווענטליך נישט מסיח דעם פון די נושא, האב איך א גוטע קאפ וכו'. איז בעצם איז נישט דא אזא מציאות, ווי מ'זעט בחוש מעשים בכל יום בחורים וואס מ'באטיטעלט זיי מיטן טיטעל 'שוואכע קאפ', און זיי גייען ארויס ארבעטען און די קאפ ארבעט זיי א מחיה, אהן קיין שום פראבלעמען, נאר וואס דען, אלעס איז תלוי אין פתיחת הלב, מחמת איזה סיבה האט ער אין לערנען נישט געהאט קיין פתיחת הלב, ער האט עפעס נישט קאנעקטעט, און ביי די ארבעט האט ער עס יא געהאט, ביים לערנען האט אים געכאפט א געפיל אז ס'איז נישט פאר אים וכדומה, און ביי די ארבעט האט ער עפעס געפילט אז דאס איז יא זיין זאך, איז ממילא פארט עס א מחיה, ווייל אלעס איז תלוי אין פתיחת הלב.

די גמרא זאגט ביי תורה אז 'כלי מלא מחזיק, ריקן אינו מחזיק', אז די האסט אסאך תורה אין זיך, אויטאמאטיש ביסטו אפען פאר נאך תורה, ווייל ווי מער די ביסט מקושר צו תורה, האסטו מער פתיחת הלב אריינצונעמען פריש. באמת אפילו א מענטש וואס האט שוין אסאך געלערנט, ווען ס'קומט צו א נייע סארט מקצוע קען אים עס זיין פונקט אזוי פארמאכט ווי א צווייטער, אבער פארט אז מ'האט שוין געלערנט אסאך, איז די הארץ שוין אפען צו די כלליות הענין פון תורה, ס'איז אים שוין קלאר אז תורה איז זיין זאך, ממילא לאזט ער עס אריין אסאך לייכטער. און ווי ס'קומט אויס, איז יעדער דרגא אין תורה, כאילו ווי א

די וועלט פארציילט אויף די הייליגע רבינו תם אז ער האט געוואלט דורעך טוהן א שווערע סוגיא, האט ער געלייגט פאר זיך א האפען גאלדענע רענדלעך, און איינמאל די הארץ איז געווען אפען צו די געלט, איז ער שוין אויטאמאטיש אויך געווען אפען צו די שווערע סוגיא. וואס בעומק איז דאס די זעלבע געדאנק ווי א מילתא דבדיחותא, אז איינמאל ס'איז אפען דורעך די מילתא דבדיחותא, איז עס שוין אפען פאר שווערע סוגיות

# תורה

המשך

שליסל פאר די נעקסטע דרגא, כיתה א' אין חדר איז א שליסל פאר כיתה ב', און אזוי ווייטער ארויף ארויף, כלי מלא מחזיק, אז די האסט דרגא א' ביי דיר, ווערט דאס ווי א פתח פאר דרגא ב'.

באמת יעדער מענטש האט זיך זיינע זאכן וואס ער איז פארמאכט פון דעם, וואס אין יענע זאכן איז כאילו ער האט א 'שוואכע קאפ', למשל, בדרך כלל זענען מענטשן פארמאכט פון זעהן זייערע שוואכקייטן, מ'לעבט אין 'דינייל' כלפי די שוואכקייטן, מ'וויל עס נישט דיסקאסטן, מ'מאכט צו די נושא. וואס ווי ס'קומט אויס, אז דארט איז די הארץ פארשטאפט, די הארץ איז דארט פארמאכט, כאילו דארטן האט ער א שוואכע קאפ.

### במקום שלבו חפץ

די חז"ל זאגען 'לעולם ילמוד אדם במקום שלבו חפץ', א מענטש זאל לערנען דארטן ווי ער האט א חשק, דארטן ווי ער האט א פתיחת הלב. און אפילו א מענשט קען נישט לערנען אלעמאל 'במקום שלבו חפץ', ער דארף צושטעלן די סדרים מיט זיין חברותא וכדומה, אבער אויב האט ער כאטשיג אביסל 'מקום שלבו חפץ', קען דאס שוין זיין ווי א שליסל בכלל פארן לערנען, די קליינער פלאץ וואס איז 'לבו חפץ', קען ווערן ווי א 'פתח' פאר די גאנצע תורה.

איינער פון די עיקר זאכן וואס מאכט א פתיחת הלב איז 'קאמפלעמענטס', אז די קאמפלעמענטס א בחור אויף זיין לערנען, פאנגט ער אהן פילען אה! תורה איז מיין זאך, תורה איז געמאכט פאר מיר, און בפרט א פרטיות'דיגע קאמפלעמענט, ווי למשל 'די ביסט געמאכט פאר שיעור עיון', אדער פארקערט ביי שיעור פשוט, אדער חסידישע ספרים וכדומה. אדער מ'קאמפלעמענט אים בפרטות אז ער איז א 'איש סדרן', ער איז 'א גוט הארץ', וואס דורעך די קאמפלמענטס ווערט זיין הארץ טאקע אפען צו די זאך, ער פילט ביי זיך אז יא דאס איז טאקע מיין זאך, אין די דאזיגע זאך וועל איך גרינג מצליח זיין, ממילא מאכט ער אפ אז ס'לוינט זיך אים צו 'פאוקיסין' אויף דעם.

און פארשטייט זיך אז נאמבער איינס אויף 'פתיחת הלב', איז פשוט א גוטע חברותא, א חברותא וואס מ'פארשטייט זיך גוט, איז נאמבער איינס פאר 'פתיחת הלב', א בעסערע פתיחת הלב ווי דעם איז נישט פארהאנען. נאר כמובן, אז וויבאלד דאס איז אזא שטארקע פתיחת הלב, איז דאס אויך צומאל א 'סגירת הלב', אז מ'פארשטייט זיך נישט, יענער כאפט אויס וואס מ'האט געוואלט זאגן, אדער יענער כאפט בכלל צו דאס ווארט וכו'.

# פרשה

המשך

אז מ'זאל מאכן די מזבח הקטורת, און אין פסוק (כט) שטייט "וַיַּעַשׂ אֶת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה קֹדֶשׁ וְאֶת קְטֹרֶת הַסַּמִּים טָהוֹר מַעֲשֵׂה רֹקֵחַ", אז בצלאל האט געמאכט די דאזיגע צוויי זאכן, די שמן המשחה און די קטורת, און ווי דער אבן עזרא איז מסביר גייען די צוויי זאכן צוזאמען, וויבאלד זיי זענען ביידע געמאכט פון סממנים. און לויט ווי געשמיסט, זענען די דאזיגע צוויי זאכן די זעלבע דרגא, ביידע האבן א שייכות צום בנין המשכן, אבער זיי זענען נישט קיין חלק עצמי ממש פונעם בנין.

שטייט אין פסוק 'שמן וקטורת ישמח לב', און אין תנחומא ווערט עס גע'דרש'נט אויף די שמן המשחה און די קטורת, זעהט מען אז דייקא די צוויי גייען צוזאמען, ביידע קומען ארויס צו ברענגען די איכות פונעם משכן צו א העכערע דרגא.

און דאס איז די כח השמחה וואס די צוויי האבן, זיי ברענגען אריין א פרישקייט, א פרישע איכות, שמן איז בטבע געמאכט צו שמירען, מרכך מעדן און מצחצח צו זיין די עור, ווי מ'זעט כסדר אין חז"ל ביי שמן פון מעשר שני און תרומה, אז מ'האט עס אלץ גענוצט צו שמירן, איז אזוי אויך די 'שמן המשחה' האט געהאט עפעס אזא ענין, אויפהייבענדיג די זאך צו א אנדערע איכות, צו א אנדערע דרגא. אזוי אויך קטורת און בשמים איז געמאכט בטבע צו ברענגען א פרישע איכות מיט זיין גוטע ריח, איז אזוי אויך די קטורת אין בית המקדש האט געהאט עפעס אזא ענין, פון א פרישע איכות אין דער בנין.

ביים עסן טרעפט מען שמן און בשמים פאר תבלינים, דאס הייסט אז די צוויי זאכן זענען בדרך כלל נישט געמאכט פאר זיך, זיי זענען געמאכט אריינצוברענגען א פרישקייט און געשמאק אין אלעס אנדערשט, ווי ס'איז מבואר אין הלכות ברכות אז 'שמן' קען מען נישט עסן פארזיך, מען קען עס נאר ניצען פאר א תבלין, אריינצוגעבן א פרישקייט און א איכות אין אנדערע מאכלים. אזוי אויך בשמים איז נישט קיין עסן פאר זיך, זיי זענען זייער ביטער, וועגעם דעם זענען זיי נאר גוט אויף צו זיין א גוטע תבלין, צו געבן איכות פאר אנדערע. אזוי אויך להבדיל אלפי הבדלות די שמן און קטורת ביי די משכן, האט געהאט אזא סארט ענין פון אריינגעבן איכות אין אנדערע.

נאך א נקודה איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז שמן און קטורת טרעפט מען אסאך מאל אויף ענינים פון גדולה און חשיבות, למשחה ולגדולה, 'שמן' פלעגט זיין מיוחד'דיגע שמנים פאר די בני מלכים, און אזוי אויך קטורת איז א ענין מיוחד פאר מלכים. מ'קען מאריך זיין אין די נקודה, אבער הנוגע לענינינו אז די צוויי זאכן האבן ארויס געברענגט א געוויסע איכות און חשיבות אין די משכן, דאס איז די ענין המשותף פון די צוויי, אז זיי קומען ארויס צו ברענגען די איכות און חשיבות פון א זאך.


## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516



עיצוב: י.ג. +972-52-763-3424